בס״ד

**פרשת בלק / ברכות ד׳ לעם ישראל בפי בלעם / מבואר באידיש**

# הברכות בפעם הראשונה

| | |
|---|---|
| (ז) וַיִּשָּׂא מְשָׁלוֹ | אִין עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין מָשָׁל |
| וַיֹּאמַר | און עֶר הָאט גֶעזָאגְט |
| מִן אֲרָם יַנְחֵנִי בָלָק מֶלֶךְ מוֹאָב | פון אַרָם הָאט מִיר גֶעפִירְט בָּלָק דֶער קֵיסָר פון מוֹאָב |
| מֵהַרְרֵי קֶדֶם | פון דִי בֶּערְג פון מִזְרָח זֵייט |
| לְכָה אָרָה לִּי יַעֲקֹב | קוּם שֶׁעלְט מִיר יַעֲקֹב |
| וּלְכָה זֹעֲמָה יִשְׂרָאֵל: | און קוּם צֶערְעֶנֶען דִי יוּדְן |
| (ח) מָה אֶקֹּב | וָואס קֶען אִיך שֶׁעלְטְן |
| לֹא קַבֹּה אֵל | אַז גָאט הָאט נִישְׁטְ גֶעשָׁאלְטְן |
| וּמָה אֶזְעֹם | און וָואס קֶען אִיךְ צֶערְעֶנֶען |
| לֹא זָעַם יְיָ: | אַז גָאט הָאט נִישְׁטְ גֶעצֶערְנְט |
| (ט) כִּי מֵרֹאשׁ צֻרִים אֶרְאֶנּוּ | וַויל אִיך זֶעה עֶם זֵיין אָנְהֵייב פון דִי שְׁטַארְקֶע שְׁטֵיינֶער,<br>זֵיי הָאבְּן דִי זְכוּת פון דִי אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב |
| וּמִגְּבָעוֹת אֲשׁוּרֶנּוּ | און אִיך קוּק עֶם פון דִי הוֹיֶעכֶע פְּלֶעצֶער<br>זֵיי הָאבְּן דִי זְכוּת פון דִי אִמָהוֹת שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל לֵאָה |
| הֶן עָם לְבָדָד יִשְׁכֹּן | דִי פָאלְק רוּהְט דָאךְ אֵיינֶער אַלֵיין |
| וּבַגּוֹיִם לֹא יִתְחַשָּׁב: | און צְוִוישְׁן דִי פֶעלְקֶער רֶעכְנְטֶער זִיך נִישְׁטְ |
| (י) מִי מָנָה עֲפַר יַעֲקֹב | וֶוער קֶען צֵיילְן דִי עֶרד פון יַעֲקֹב, דִי מִצְוֹת וָואס דִי יוּדְן טוּעֶן מִיט דִי עֶרְד |
| וּמִסְפָּר אֶת רֹבַע יִשְׂרָאֵל | און וֶוער קֶען צֵיילְן דִי צָאל פון דֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעד פון דֶע יוּדְן |
| תָּמֹת נַפְשִׁי מוֹת יְשָׁרִים | הַלְוַואי זָאל מֵיין לֵייב שְׁטַארְבְּן ווִי דֶע טוֹיט פון דֶע צַדִיקִים פון זֵיי |
| וּתְהִי אַחֲרִיתִי כָּמֹהוּ: | און הַלְוַואי זָאל מֵיין סוֹף זֵיין אַזוֹי ווִי עֶר |

# הברכות בפעם השניה

| | |
|---|---|
| (יט) לֹא אִישׁ אֵל וִיכַזֵּב | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער אִיז נִישְׁט ווִי אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר זָאל לֵייקֶענֶען |
| וּבֶן אָדָם וְיִתְנֶחָם | און עֶר אִיז נִישְׁט ווִי אַ מֶענְטשׁ וָואס עֶר זָאל חֲרָטָה הָאבְּן |
| הַהוּא אָמַר וְלֹא יַעֲשֶׂה | אַז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אִיז צוּ דֶעם זָאל עֶר דָאס נִישְׁטְ טוּהן |
| וְדִבֶּר וְלֹא יְקִימֶנָּה: | און אַז דֶע אֵייבִּישְׁטֶער הָאט גֶערֶעט אִיז צוּ דֶעם  זָאל עֶר עֶס נִישְׁט מְקַיֵים זַיין |
| (כ) הִנֵּה בָרֵךְ לָקָחְתִּי | הָאט הָאב אִיך גֶענוּמֶען אַ נְבוּאָה צוּ בֶּענְטְשְׁען דִי יוּדְן |
| וּבֵרֵךְ | און דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט גֶעבֶּענְטְשׁ |
| וְלֹא אֲשִׁיבֶנָּה: | און אִיך וֶועל עֶס נִישְׁט אוּמְקֶערְן |
| (כא) לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער קוּק נִישְׁט קֵיין זוּנְד אִין יַעֲקֹב |

| | |
|---|---|
| וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל | און דער אײבּישְׁטֶער זעט נישְׁט קיין עֲבֵירוֹת אין יִשְׂרָאֵל |
| יְיָ אֱלֹהָיו עִמּוֹ | זיין גָאט איז שְׁטֶענְדיג מיט עֶם |
| וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ: | און די ליבְּשַׁאפְט פון זיין קֵיסר איז שְׁטֶענְדיג מיט עֶם |
| (כב) אֵל מוֹצִיאָם מִמִּצְרָיִם | דֶער גָאט וָואס עֶר הָאט זיי אַרויס גֶעצויגן פון מִצְרַיִם |
| כְּתוֹעֲפֹת רְאֵם לוֹ: | אַזוֹי ווי דֶע שְׁטַארְקייט און דֶע הוֹיעכְקייט וָואס צו עֶם |
| (כג) כִּי לֹא נַחַשׁ בְּיַעֲקֹב | ווייל בַּא יַעֲקֹב איז נישְׁט דָא קיין איסור נַחַשׁ |
| וְלֹא קֶסֶם בְּיִשְׂרָאֵל | און בַּא דֶע יוּדְן איז נישְׁט דָא קיין איסור קֶסֶם |
| כָּעֵת | אַזוֹי ווי אין די צייט |
| יֵאָמֵר לְיַעֲקֹב וּלְיִשְׂרָאֵל | וֶוערְט גֶעזָאגְט צוּ יַעֲקֹב און צוּ יִשְׂרָאֵל דוּרֶך נְבוּאָה |
| מַה פָּעַל אֵל: | וָואס הָאט גָאט גֶעטוּהן |
| און נָאך אַ טייטְשׁ: כָּעֵת | אַזוֹי ווי אין די צייט, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען |
| יֵאָמֵר לְיַעֲקֹב וּלְיִשְׂרָאֵל | וֶועלְן די מַלְאָכִים זָאגְן צוּ יַעֲקֹב און צוּ יִשְׂרָאֵל |
| מַה פָּעַל אֵל: | וָואס גָאט הָאט גֶעטוּהן, וָואס פַאר אַ תּוֹרָה הָאט דֶער אייבּישְׁטֶער גֶעלֶערְנְט מיט אייך, ס' וֶועט קוּמֶען אַ צייט וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען און דֶער אייבּישְׁטֶער וֶועט לֶערְנֶען מיט דֶע יוּדְן תּוֹרָה, און דֶע יוּדְן וֶועלְן זַיין אינֶעווייניג, און דֶע מַלְאָכִים וֶועלְן שְׁטֵיין אין דְרוֹיסְן, און דֶע מַלְאָכִים וֶועלְן פְרֶעגְן פַאר די יוּדְן, מַה פָּעַל אֵל, וָואס הָאט גָאט גֶעטוּהן וָואס פַאר אַ תּוֹרָה הָאט דֶער אייבּישְׁטֶער גֶעלֶערְנְט מיט אייך |
| (כד) הֶן עָם כְּלָבִיא יָקוּם | די פָאלְק וֶועט דָאך אוֹפְשְׁטֵיין אַזוֹי ווי אַלֵאוּוִיכֶע |
| וְכַאֲרִי יִתְנַשָּׂא | און אַזוֹי ווי אַ לֵייב וֶועט עֶר זיך דֶער הֵייבְּן |
| לֹא יִשְׁכַּב עַד יֹאכַל טֶרֶף | עֶר לֵייגְט זיך נישְׁט שְׁלָאפְן בִּיז עֶר עֶסְט זַיין פַאר צוּקוּנְק,<br>און עֶר לֵייגְט זיך נישְׁט שְׁלָאפְן בִּיז עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע |
| וְדַם חֲלָלִים יִשְׁתֶּה: | און די בְּלוּט פון דֶע גֶעהַארְגֶעטֶע וֶועט עֶר טְרִינְקֶען |

# הברכות בפעם השלישית

| | |
|---|---|
| (ה) מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב | אַח, ווי גוּט זֶענֶען די גֶעצֶעלְטְן פון יַעֲקֹב |
| מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל: | אַח, ווי גוּט זֶענֶען דיינֶע וואנוּנְגֶען פון יִשְׂרָאֵל |
| (ו) כִּנְחָלִים נִטָּיוּ | אַזוֹי ווי די טייכְן וָואס צִיעֶן זיך ווייט ווייט ווייט, אַזוֹי וֶועלְן דֶע יוּדְן זיך צִיעֶן ווייט אוֹיף אֵייבִּיג |
| כְּגַנֹּת עֲלֵי נָהָר | אַזוֹי ווי די גָארְטְן לֶעבְּן טַייך,<br>הַאלְט דָאך און איין וַואקְסְן גָאר גוּט איז אַזוֹי וֶועלְן דֶע יוּדְן שְׁטֶענְדיג וַואקְסְן גָאר גוּט |
| כַּאֲהָלִים נָטַע יְיָ | אַזוֹי ווי די בְּשָׂמִים אֲהָלִים<br>וָואס גָאט הָאט איין גֶעפְּלַאנְצְט און גַן עֵדֶן |
| כַּאֲרָזִים עֲלֵי מָיִם: | אַזוֹי ווי טֶענֶען בֵּיימֶער לֶעבְּן וַואסֶער וַואקְסְן הוֹיעך און שְׁטַארְק, אַזוֹי וֶועלְן דֶע יוּדְן וַואקְסְן הוֹיעך און שְׁטַארְק |
| (ז) יִזַּל מַיִם מִדָּלְיָו | סִי וֶועט רִינֶען וַאסֶער פון זיינֶע ברונען |

| | |
|---|---|
| וְזַרְעוֹ בְּמַיִם רַבִּים | און זיין זֶ‍ֽיעֲנוּנְג אִיז בַּא אַסַאךְ וַואסֶער,<br>דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן הַצְלָחָה אַז דִי יוּדְן וֶועלְן שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ זַיין |
| וְיָרֹם מֵאֲגַג מַלְכּוֹ | און זַיין קֵיסֶר וֶועט זַיין דֶער הוֹיכְן פוּן אַגַג,<br>דֶער עֶרשְׁטֶער יוּדִישֶׁער קֵיסֶר שָׁאוּל הַמֶלֶךְ,<br>וֶועט אַן נֶעמֶען אַגַג מֶלֶךְ... עֲמָלֵק |
| וְתִנַּשֵּׂא מַלְכֻתוֹ: | און סי וועט דער הויבן ווערן זיין מלוכה,<br>פון עם וֶועט אַרוֹיס קומען דוד און שלמה, וואס זיי וועלן בויען דער בית המקדש |
| (ח) אֵל מוֹצִיאוֹ מִמִּצְרַיִם | דער גאט וואס ער האט עם ארויס געצויגן פון מצרים, |
| כְּתוֹעֲפֹת רְאֵם לוֹ | אזוי ווי דע שטארקייט און דע הויעכקייט וואס צו עם |
| יֹאכַל גּוֹיִם צָרָיו | ער וועט אוף עסן דע גויים זיינע דריקער, |
| וְעַצְמֹתֵיהֶם יְגָרֵם | און זייערע ביינער וועט ער צוקלאפן |
| וְחִצָּיו יִמְחָץ: | און זיינע צוּטֵיילוּנְגֶען ווער ער זיך צו טיילן, זיי וועלן יַארְשֶׁענֶען זייערע לאנד |
| און נאך א טייטש:<br>וְחִצָּיו יִמְחָץ: | און זיינע פיילן וועט ער צוּקְלַאפְּן,<br>קלאפן און טינקען און די בלוט פון דע פיינט |
| (ט) כָּרַע | עֶר הָאט זִיךְ גֶעקְנִיט |
| שָׁכַב כַּאֲרִי | און עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אַזוֹי וִוי אַ לֵייבּ |
| וּכְלָבִיא | און אַזוֹי וִוי אַ לאוויכע |
| מִי יְקִימֶנּוּ | ווער וועט עם אויף הייבן, צו מאכן מיט עם א מלחמה |
| מְבָרְכֶיךָ בָרוּךְ | זיינע בענטשערס וועלן זיין געבענטש |
| וְאֹרְרֶיךָ אָרוּר: | און זיינע שעלטערס וועלן זיין געשאלטן |

# הנבואה בפעם האחרונה

| | |
|---|---|
| (יז) אֶרְאֶנּוּ | איך זע עם זיין גרויסקייט |
| וְלֹא עַתָּה | אבער סי נאך נישט אִיצְטֶער |
| אֲשׁוּרֶנּוּ | איך קוק עם זיין בליק |
| וְלֹא קָרוֹב | אבער סי נאך נישט נאנט |
| דָּרַךְ כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב | סִי וֶועט טְרֶעטְן א שְׁטֶערְן פון יעקב |
| וְקָם שֵׁבֶט מִיִּשְׂרָאֵל | און סִי וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין א רויט פון די יודן, דאס מיינט מען דוד המלך |
| וּמָחַץ פַּאֲתֵי מוֹאָב | און עֶר וֶועט צו קלאפן דע בְּרֶעקְן פון מואב, דע גאנצע לאנד ביזן בְּרֶעק |
| וְקַרְקַר כָּל בְּנֵי שֵׁת: | און עֶר וֶועט אויס לעכערן דע אלע בני שת, אלע גויים וואס קומען ארויס פון שת |
| (יח) וְהָיָה אֱדוֹם יְרֵשָׁה | און אדום וועט זיין א ירושה |
| וְהָיָה יְרֵשָׁה שֵׂעִיר אֹיְבָיו | און שעיר וועט זיין א ירושה פאר זיינע פיינט פאר אלע יודן |
| וְיִשְׂרָאֵל עֹשֶׂה חָיִל: | און דע יודן וועלן מאכן רייכקייט |
| (יט) וְיֵרְדְּ מִיַּעֲקֹב | און סִי וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין א געוועלטיגער פון יעקב, דאס מיינט מען דער מלך המשיח |

| | |
|---|---|
| וְהֶאֱבִיד שָׂרִיד מֵעִיר: | און ער וועט מאכן פארלירן א איבער געבליבענער פון א שטאט<br>סי וועט נישט בלייבן אפילו א שריד |
| (כ) וַיַּרְא אֶת עֲמָלֵק | הָאט עֶר גֶעזֶעהן עֲמָלֵק |
| וַיִּשָּׂא מְשָׁלוֹ | און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין מָשָׁל |
| וַיֹּאמַר | און עֶר הָאט גֶעזָאגְט |
| רֵאשִׁית גּוֹיִם עֲמָלֵק | עמלק איז דער ערשטער פון די גויים וואס ער איז געקומען מלחמה אלטן מיט דע יודן |
| וְאַחֲרִיתוֹ עֲדֵי אֹבֵד: | און דער סוף וועט זיין אז ער וועט אויך פאר לוירן ווערן |
| (כא) וַיַּרְא אֶת הַקֵּינִי | און עֶר הָאט געזעהן דער קיני |
| וַיִּשָּׂא מְשָׁלוֹ | און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין מָשָׁל |
| וַיֹּאמַר | און עֶר הָאט גֶעזָאגְט |
| אֵיתָן מוֹשָׁבֶךָ | דיין זיצוּנְג איז שטארק |
| וְשִׂים בַּסֶּלַע קִנֶּךָ: | און עֶר הָאט געטוהן זיין נֶעסְט, אין א שטיין,<br>ביסט געווארן א איד און פאר שטארקט דיין זיצונג |
| (כב) כִּי אִם יִהְיֶה לְבָעֵר קָיִן | ווייל אויב אפילו דער קיני וועט זיין פאר אויסזאמלונג,<br>אז חָאטְשׁ ער וועט גיין גלות מיט דע יודן |
| עַד מָה | אבער ביז ווי פיל |
| אַשּׁוּר תִּשְׁבֶּךָּ: | וועט אשור דיך פֵיינְגֶען, ווי פִיל וֶועט דיר פַאנִיגְן,<br>אבער ווען משיח וועט קומען וועט ער זיין מיט אלע יודן גְלִיקְלֶעך אויף אייביג. |
| (כג) וַיִּשָּׂא מְשָׁלוֹ | און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין מָשָׁל |
| וַיֹּאמַר | און עֶר הָאט גֶעזָאגְט |
| **אוֹי** | וֵויי... גֶעשְׁרִיגְן |
| מִי יִחְיֶה מִשֻּׂמוֹ אֵל: | וֶוער וֶועט בְּלֵייבְּן לֶעבְּן און זִיךְ רַאטֶעוֶוען דֶעם גָאט,<br>וֶועט הָאבְּן דִי אַלֶע זַאכְן |
| (כד) וְצִים מִיַּד כִּתִּים | און גְרוֹיסֶע שִׁיפְן וֶועט קוּמֶען פון כִּתִּים |
| וְעִנּוּ אַשּׁוּר | און זֵיי וֶועלְן פַּאנִיגְן אַשּׁוּר |
| וְעִנּוּ עֵבֶר | און זֵיי וֶועלְן פַּאנִיגְן עֵבֶר,<br>אלע גוים וואס קומען ארויס פון אנדערע זייט טייך |
| וְגַם הוּא עֲדֵי אֹבֵד: | און דֶער סוֹף וֶועט זַיין אַז עֶר וֶועט אוֹיךְ פַּארלוֹירְן וֶוערְן דוֹרֶעךְ דֶעם מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ |
| (כה) וַיָּקָם בִּלְעָם | און בִּלְעָם אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַנֶען |
| וַיֵּלֶךְ | אִין עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען |
| וַיָּשָׁב לִמְקֹמוֹ | און עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט צוּ זַיין אָרְט |
| וְגַם בָּלָק הָלַךְ לְדַרְכּוֹ: | און אוֹיךְ בָּלָק אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין וֶועג |